# וויאזוי צו טעסטן אייערע מעדיצינען נוצנדיג Xylazine טעסט סטריפס

Xylazine, באקאנט אלס "tranq" (טרענק), איז א באשעפענישן איינשלעפער וואס איז געפונען געווארן אין די ניו יארק סיטי דראג סופליי. Xylazine קען צוברענגען צו עקסטרעמע איינשלעפונג, וואס פארמערט די ריזיקע פון איבערדאזע און פון ערנסטע הויט וואונדן. טעסט סטריפס קענען אייך העלפן באשטעטיגן אויב די דראגס וואס איר פלאנט צו נעמען אנטהאלט xylazine.

**פארוואס זאל איך טעסטן מיינע דראגס פאר xylazine?**

1. לייגט אריין 10 מיליגראם (mg) פון אייערע דראגס (גענוג צוצודעקן עיברערהעמס לינקאלן'ס האר אויף א פעני) אין א ריינע, טרוקענע קאנטעינער (אזוי ווי א מעדיצינען מעסטער גלעזל) אדער א פלעסטיק מייקראסקאפ (אויב האט איר איינס).
   - אויב איר קענט נישט טעסטן 10 מיליגראם פון אייער דראג, לייגט כאטש א טראפ שטויב דערפון אין א ריינע, טרוקענע קאנטעינער.
2. לייג צו 5 מילּיליטער (איין טיילעפל) וואסער צו אייערע דראגס און מישט עס אויס.
3. פלאצירט דעם סטריפ מיט די זייט וואס האט א סימן וואס קוקט אויס ווי כוואליעס אריין אין די וואסער. לאזט דעם סטריפ איינזאפן די וואסער פאר 15 סעקונדעס.
4. נעמט ארויס דעם סטריפ פון די וואסער און לייגט עס אויף א פלאכע ארט פאר פינף מינוט בעפארן לייענען די רעזולטאטן. מאכט זיכער צו לייענען די רעזולטאטן ביז 10 מינוט פון ווען איר נעמט ארויס די סטריפ פון די וואסער

אויב האט איר fentanyl טעסט סטריפס, קענט איר טעסטן אייער דראגס פאר fentanyl און xylazine נוצנדיג די זעלבע סעמפל.

**וואס מיינען די טעסט רעזולטאטן?**

**איין ליניע איז א פאזיטיווע טעסט, דאס באדייט אז** xylazine איז אויפגעכאפט געווארן אין אייער דראגס. זעט דעם "וואס זאל איך טון אויב איך באקום א פאזיטיווע טעסט אדער איך מיין אז מיינע דראגס אנטהאלטן xylazine?" אפטיילונג פאר אנווייזונגען.



צווי ליניעס (אפילו אויב די צווייטע ליניע איז זייער שוואך) איז א **נעגאטיווע טעסט**, דאס מיינט אז xylazine איז **נישט** אויפגעכאפט געווארן אין אייער דראגס. ווי אזוי עס זאל נאר זיין, איז קיין שום טעסט נישט 100% אקוראט, און אייערע דראגס קענען נאך אלץ אנטהאלטן xylazine.



נישט קיין ליניעס אדער איין ליניע נאנט צו די געבויגענע זייט פון די סטריפ איז אן **אומגילטיגע טעסט**. טעסט נאכאמאל אייער דראגס מיט א נייע סטריפ, אויב מעגליך.



געדענקט, קיין שום טעסט איז נישט 100% אקוראט. געוויסע פראבלעמען קענען פארמערן אייערע שאנסן צו באקומען א פאלשע פאזיטיווע טעסט (צום ביישפיל, געוויסע סובסטאנצן, אזוי ווי lidocaine, וואס געפינט זיך אין אייערע דראגס) אדער א פאלשע נעגאטיווע טעסט (צום ביישפיל, די סעמפל וואס איר האט גע'טעסט האט נישט קיין xylazine אבער עס געפינט זיך נאך אלץ xylazine אין די איבעריגע טיילן פון אייערע דראגס).

**וואס זאל איך טון אויב איך באקום א פאזיטיווע טעסט אדער איך מיין אז מיינע דראגס אנטהאלטן xylazine?**

- באטראכט די מעגליכקייט פון נישט נוצן די דראגס, ספעציעל אויב זענט איר אליינס אדער אין אן ארט ווי עס קען זיין א סכנה צו זיין באוואוסטלאז פאר א לענגערע צייט.
- ברענגט עס צו אן איבערדאזע פארמיידונג צענטער צו נוצן אונטער אויפזיכט.
- אויב איר האט הויט וואונדן, קען דאס ממשיך זיין צו נוצן xylazine, גורם זיין עס צו פארערגערן. אויב איר האט הויט וואונדן וואס פארבעסערן זיך נישט אדער גייען נישט אוועק, רעדט צו אייער העלט קעיר פראוויידער. פאר הילף מיטן טרעפן א פראוויידער, רופט **311** אדער 844-692-4692.

**וואו קען איך באקומען xylazine טעסט סטריפס?**

איר קענט באשטעלן xylazine טעסט סטריפס פאר פערזענליכע באנוץ אנליין פון די פראדוצירער, אריינגערעכנט די MATTERS Network ביי **mattersnetwork.org/request-test-strips**.

**וואס נאך קען איך טון צו פארמינערן מיין ריזיקע פון אפיאויד איבערדאזע?**

Xylazine איז נישט קיין אפיאויד. פונדעסטוועגן, אין ניו יארק סיטי, איז xylazine נאר געטראפן געווארן אין דראגס וואס אנטהאלטן אויך fentanyl (א גאר שטארקע אפיאויד). אויב איר נוצט דראגס וואס אנטהאלטן xylazine, נעמט שריט צו פארמינערן אייער ריזיקע פון אפיאויד איבערדאזע:

- פארמיידט צו נוצן דראגס ווען איר זענט אליינס. נוצט דראגס מיט אנדערע מענטשן און נעמט רייעס עס צו נוצן.
  - אויב גייט איר דאס יא נוצן ווען איר זענט אליינס, רופט די "Never Use Alone" (נוצט קיינמאל נישט אליינס) האטליין אויף 800-484-3731 בעפארן נוצן.
- פארן נוצן דראגס, בעט איינעם וועם דו געטרויסט זיך צו אומקוקן אויף דיר פון צייט צו צייט.
- גייט צוביסלעך דורך נעמען קליינע קוואנטומען.
- פארמיידט צו מישן דראגס.
- נעמט נאלאקסאן, א זיכערע מעדיצין וואס איז גרינג צו נעמען און קען צוריקדרייען די אפעקט פון אן אפיאויד איבערדאזע (אפילו אויב דער פערזאן בלייבט פארשלאפן צוליב די xylazine). רופט **311** אויסצוגעפינען וואו איר קענט באקומען נאלאקסאן פריי פון אפצאל.

פאר מער אינפארמאציע, אריינגערעכנט באהאנדלונג, שאדן רעדוקציע און דראגס אונטערזוכונגסערוויסעס, באזוכט **nyc.gov/alcoholanddrugs**. אויב האט איר סיי וועלכע פראגעס איבער טעסטן אייערע מעדיצינען, שיקט אן אימעיל **drugchecking@health.nyc.gov**.